## איציק מאַנגער

# מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי

שלום-עליכם איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און אַרויסגעקוקט. דער שניי איז נאָך אַלץ געפֿאַלן, נישט געהאַט אַפֿילו בדעה אויפֿצוהערן. די גאַס-לאַמטערנס האָבן שוין געברענט, אָבער זייער ליכט איז געווען בלאַס און אָרעם אַנטקעגן דער בלענדנדיקער ליכטיקייט פֿון שניי, וואָס האָט זיך צעלייגט ברייט און רחבותדיק איבער די קיעווער גאַסן.

„ווי אמתע קאַסרילעקעס זעען זיי אויס, די גאַזלאַמפּטערנס, מיין איך – האָט שלום-עליכם גערעדט צו זיך אַליין – קאַסריליווקער מיט די ביינער. אָרעם, ווי די נאַכט, אָבער אויסגעצויגן, שטאָלץ, ווי אמתע מיוחסים – מיינען זיי איבערצושייַנען דעם גביריש בלענדנדיקן שניי, וואָס שעמערירט, פֿינקלט מיט מיליאָנען דימענטלעך“.

איבער די גאַסן זענען געפֿלויגן שליטנס. אָנגעפּעלצטע איזוואָשטשיקעס האָבן געוויאַקעט צו די פֿערד, זיי אונטערגעגעבן חשק: „וויאָ, פֿערדעלעך, רירט זיך, הויבט די פֿיס, אַ שאָד יעדע רגע, דער עולם, זעט איר דאָך, וויל זיך קאַטאַיען“... און די פֿערד האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ווונק, באַוויזן זייערע באַלעבאַטים אַז זיי זענען געפֿלויגן פֿײַל אויסן בויגן איבער די פֿאַרשנייטע גאַסן און די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער האָבן געקלונגען.

שלום-עליכם האָט באַטראַכט די פּאַנאָראַמע מיט הנאה. עס זעט אויס, ווי אין אַ כּישוף-מעשׂהלע. פֿאַראַן מענטשן, וואָס האָבן הנאה פֿון לעבן. יעדע צייַט האָט זיך אירע פֿאַרגעניגנס. נישט ווי זיי, נעבעך, זייַנע קאַסרילעווקער, וואָס פֿינצטערן אָפּ זייער ביסל

יאָרן. זאָגן גלײַכוועטלעך און שטאַרבן אין איינעם מיט זייערע ווײַבער און קינדער זיבן מאָל אַ טאָג פֿאַר הונגער.

איײַ, ווען דער אויבערשטער וואָלט אים דערפֿאָלגט, וואָלט ער זיך נישט געפֿוילט און געגעבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר אויפֿצוריכטן אַ ביסל זײַנע קאַסרילעווקער. „וואָס וואָלט עס דיר געשאַט – וואָלט ער צו אים געטענהט – ווען די דאָזיקע אָרעמע און פֿריילעכע לײַט וואָלטן אויך אַ מאָל אַ לעב געטאָן?"

ער, שלום-עליכם אַליין, וואָלט געוועוען אַ בעלן צו זען, ווי זײַנע קאַסרילעווקער קאַטאַיען זיך איבערן ווינטערדיקן שניי, גיבן זיך איינס דעם צווייטן צו פֿאַרשטיין דעם שׂכל פֿון שליטן. ווי זיי האָבן ווילד הנאה פֿון דער ווינטער, און נישט ווי זייער שטייגער איז, אים צו שעלטן מיט טויטע קללות.

שלום-עליכם האָט איבערגעלאָזט דאָס פֿענצטער, זיך דורכגעשפּאַצירט עטלעכע מאָל איבערן שטוב, און אַ קוק טוענדיק אויפֿן וואַנטזייגער אַ ברום געטאָן:

– שוין נאָך זעקס און דער זינגפֿויגל איז נאָך אַלץ נישטאָ.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט שלום-עליכם זיך באַגעגנט מיט זײַנעם אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט. שמועסנדיק וועגן דאָס און יענץ, האָט אים יענער דערציילט וועגן דעם זינגפֿויגל:

– אַנומלט הערט איר, פּאַניע ראַבינאָוויטש, בין איך געפֿאָרן מיט אַ צווייטן אַדוואָקאַט, אַ געוויסן מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, קיין וואַסילקאָוו צו אַ פּראָצעס. האָט מיר דער דאָזיקער וואַרשאַווסקי אויפֿן וועג געזונגען לידלעך אויף זשאַרגאָן – טאַקע זײַנע אייגענע לידלעך – וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? גאָלד! און די ניגונים, הערט איר, אויך זײַן אייגענע מלאכה – געפֿין איך פּשוט נישט קיין ווערטער זיי אָפּצולויבן.

דעם נאָמען מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט שלום-עליכם שוין געהערט נישט איין מאָל. אין קיעוו האָט מען געוווּסט, אַז דער געשוווירענער אַדוואָקאַט וואַרשאַווסקי איז אַ פֿריילעכער יונג, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק, ווי מען רופֿט עס אין קאַסרילעווקע. אויף אַלע קערמעשלעך, וואָס די קיעווער אינטעליגענץ האָט אײַנגעאָרדנט, האָט ער פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. נאָר אַז דער

דאָזיקער וואַרשאַווסקי זאָל שרײַבן לידער, פֿאַרפֿאַסן צו זיי אייגענע מוזיק, און זיי טאַקע אַליין זינגען – פֿון דעם האָט זיך דערוווּסט שלום-עליכם ערשט פֿון זײַן באַקאַנטן.

– זאָגט-זשע מיר, פּאַניע, ווי אַזוי באַקענט מען זיך עס מיט דעם דאָזיקן זינגפֿויגל? דאָס הייסט, ווי אַזוי כאַפּט מען אים אַרײַן אויף איין אָוונט צו שלום-עליכמען אין שטוב?

און ס'איז געבליבן, אַז אין אַ זונטיק אָוונט וועט מען ברענגען דעם זינגפֿויגל צו שלום-עליכמען אין שטוב אַרײַן. אַדרבא, זאָל דער גרויסער הומאָריסט הנאה האָבן פֿון וואַרשאַווסקיס לידלעך, וואָס זענען צוקערזיס און צעגייען זיך אין יעדן אבר.

הײַנט איז דער אָפּגערעדטער זונטיק. שלום-עליכם האָט פֿאַרבעטן עטלעכע פֿרײַנד, זיי זאָלן אויך הערן דעם דאָזיקן פֿויגל זינגען און פֿאַר איין וועגס אויך הנאה האָבן, אויב ס'וועט זײַן פֿון וואָס הנאה צו האָבן.

איינציקווײַז האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפֿקומען. אַלע פֿאַרבעטענע זענען שוין געזעסן אַרום טיש, גערויכערט, דערציילט אַנעקדאָטן און געלאַכט. אין ווינקל האָט געוואַרט די כּלה, די פּיאַנע, הייסט עס. נאָר ער, דער חתן, מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, איז נאָך אַלץ נישט געווען.

שלום-עליכם האָט אַלע מאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. געטרייסט די געסט, אַז אַ יעדע רגע איז ער מחויב אָנצוקומען.

און אָט האָט טאַקע קיין סך נישט געדויערט און מאַרק מאַרקאָוויטש האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיטן אַדוואָקאַט, וואָס האָט צוגעזאָגט שלום-עליכמען, אַז ער וועט אים ברענגען דעם זינגפֿויגל אין שטוב אַרײַן.

וואַרשאַווסקי, אַ מענטש פֿון אַריבער פֿופֿציק, קליין געוואַקסן, מיט קורצזיכטיקע, שמייכלענדיקע אויגן, האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זײַן פֿאַרשפּעטיקן. אַ קליענט האָט אים פֿאַרהאַלטן. אַפֿילו זונטיק קען מען זיך נישט אָפּטשעפּען פֿון די קליענטען. און אַז גאָט העלפֿט, אַז דער קליענט איז אַ ייִדענע, וואָס רעדט און רעדט און ווייסט נישט, ווען אויפֿצוהערן, איז דאָך נישט שײַך. אין אַזאַ

פֿאַל קאָן זיך אַפֿילו טרעפֿן, אַז ער, וואַרשאַווסקי, זאָל זיך פֿאַרשפּעטיקן נישט נאָר אויף איין שעה, נאָר טאַקע אויף צוויי און דרײַ, און פֿאַר וואָס נישט אויף גאַנצע פֿינף.

וואַרשאַווסקי האָט געלאַכט הויך און האַרציק. דאָס דאָזיקע קליינע, גוט געפּאַקטע מענטשל, איז מיט אַ מאָל געוואָרן גוט און היימיש מיט אַ יעדן איינעם.

שלום-עליכם האָט אים באַטראַכט: דאָס אָפּגעטראָגענע רעקל מיט די גלאַנציקע עלנבויגנס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט פֿון יענע אַדוואָקאַטן, וואָס פֿאַרשטיין צו רײַסן פֿאַסן פֿון זייערע קליענטן. פֿאַרקערט, אָרעמעלײַט דערשמעקן שוין דעם דאָזיקן מין אַדוואָקאַט, און ער ווערט זייערער. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע אַדוואָקאַטן האָבן זעלטן פּרנסה און שטאַרבן צו ביסלעך אונטער פֿאַר הונגער, ווי אין פּסוק שטייט.

וואַרשאַווסקי האָט גערעדט הויך און געלאַכט נאָך העכער. יעדן איינעם האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען דעם דאָזיקן מענטש נישט פֿון הײַנט, נאָר פֿון מי-יודע וויפֿל יאָר.

נאָר אויף איין שעה, נאָר טאַקע אויף צוויי און דרײַ, און פֿאַר וואָס נישט געווען דער באַלעבאָס, וואָלט ער זיך נישט געשעמט און תּיכּף אַרויס מיט לשון: "פּאַניע וואַרשאַווסקי – וואָלט ער געזאָגט – מען זאָגט, אַז איר מאַכט לידלעך, זענען דאָס שוין איין מאָל לידלעך. איז הלמאי זאָלן מיר נישט הערן אָט די דאָזיקע לידלעך?" אַזוי ווי ער איז אָבער דער באַלעבאָס, מוז ער מאַכן אַ שווײַג, אײַנהאַלטן די נײַגעריקייט. קודם כּל זען מכבד זײַן די געסט מיט טיי און וואַרעניע, און ערשט שפּעטער מכבד זײַן דעם זינגפֿויגל מיט מפֿטיר.

וואַרשאַווסקי האָט זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן. זינגען – אדרבא, פֿאַר וואָס נישט? בפֿרט, אַז צווישן עולם געפֿינט זיך שלום-עליכם, אָט דער גרויסער און איינציקער, דער כּישוף-מאַכער, וואָס איז געווען בכּוח צו באַווײַזן, אַז די גאַנצע ייִדישע מרה-שחורה זאָל זיך צעלאַכן.

וואַרשאַווסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן פּאָרטעפּיאַן. מיט די פּינגער האָט ער אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען איבער די קלאַווישן און גענומען זינגען.

צום סאַמע אָנהויב האָט ער געזונגען דאָס ליד פֿון דעם ווײַבל, וואָס דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט מיט צוויי פּיצלעך קינדער. פֿון ווײַן-סוחרים, וואָס זענען צום טאַטן געקומען, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז „ער האָט אַן אַנדער ווײַב גענומען, און איר די יונגע יאָרן פֿאַרוויסט“.

שטיל און טרויעריק דעם ניגון, די ווערטער פּשוט און אמתדיק. אָט אַזוי וואָלט דאָס פֿאָלק אַליין געזונגען, ווען ס'וואָלט זיך צוגערירט צו דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן די וויסטע עגונה.

איך קאָן זיך קיין אָרט אַצינד נישט געפֿינען
אַזוי האָסטו מיר מײַן לעבן פֿאַרשטערט –
נעם איך זיך רויטע פֿעדער שפּינען,
ווערן זיי שוואַרץ, אַזוי ווי די ערד.

שלום-עליכם האָט זיך צוגעהערט מיט טרערן אין די אויגן. ער האָט געקוקט אין ווינקל, ווּ ס'שטייט דער פּאָרטעפּיאַן. נאָר ווער מיר פּאָרטעפּיאַן, וואָס מיר וואַרשאַווסקי? דאָרט איז גאָר די פּריזבע, ווּ די עגונה זיצט און קוקט זיך צו צום פֿייגעלע, „וואָס האָט זיך אַ קערנדל געגעסן, געזונגען, געשפּרונגען, מלא חן“.

וואַרשאַווסקי האָט פֿאַרענדיקט דאָס ליד. אַלע זענען געווען באַגײַסטערט, און מער פֿון אַלעמען דער באַלעבאָס אַליין, שלום-עליכם, הייסט עס. ער איז צוגעלאָפֿן צו וואַרשאַווסקין און אים אַרומגעכאַפּט קושן:

– ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, פּאַניע וואַרשאַווסקי, אַז דאָס איז אײַער ליד, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז איך האָב עס שוין אַ מאָל געהערט. און פֿון וועמען, אַ שטייגער, מיינט איר? אָסור צי איר וועט טרעפֿן. איך מיין פֿון מײַן אייגענעם מאַמען.

אַלע אָנוועזנדע האָבן מסכּים געווען, שלום-עליכם איז גערעכט. דאָס איז אמתער פֿאָלקסליד-נוסח. ייִדישער פֿאָלקסליד-נוסח. נאָר

אַן אמתער דיכטער איז אים בכּוח צו געפֿינען, אָנצוטאַפּן און ווײַטער שפּינען דעם פֿאָדעם.

וואַרשאַווסקי האָט געלאַכט הויך און האַרציק, ווי אַ קינד. די אַלע שבחים האָבן אים שטאַרק הנאה געטאָן.

וואַרשאַווסקיס פֿינגער האָבן ווידער אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער די קלאַווישן פֿון פֿאָרטעפּיאַן. דאָס מאָל האָט ער געזונגען דאָס ליד פֿונעם בחור, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן, וועלכע פֿון די צוויי שוועסטער פֿון ראַכמיסטריווקע צו נעמען פֿאַר אַ כּלה. שׂרה, איינע פֿון די שוועסטער, האָט אַנדערע מעלות, און רבקה, די צווייטע, ווידער אַנדערע. דער סוף פֿון אַזאַ חברה-מאַן ווייסט איר דאָך: ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור.

ווידער אַ מאָל האָט שלום-עליכם אַ קוק געטאָן אין ווינקל און נישט געזען קיין וואַרשאַווסקי, נאָר די צוויי שוועסטערלעך פֿון ראַכמיסטריווקע און דעם בחור, דעם שלימזל.

– אַ מצווה אויף אים – האָט שלום-עליכם זיך אָנגערופֿן – אויף דעם בחור מיין איך. אַזאַ שׂוטה בן פּיקהאָלץ, אויף וואָס האָט ער געוואַרט? נאָר צוריקגעשמועסט, וואָס איז ער שולדיק? איך אויף זײַן אָרט, און איר אַליין – ווען מיר וואָלטן געשטאַנען צווישן אַזעלכע צוויי פֿײַערן – וואָלטן מיר מסתּמא אויך אויסגעזען, ווי אמתע לעקישבערן.

און צוגייענדיק צו מאַרק מאַרקאָוויטשן, האָט ער אים געזאָגט:

– מ'זאָגט, אַז איר זענט אַ געשווורענער אַדוואָקאַט, פֿאַניע וואַרשאַווסקי. מסתּמא איז דאָס אמת. איך אָבער זאָג אײַך, אַז איר זענט אַ געשווורענער דיכטער, און ס'איז אַ שאָד, וואָס איר האַלט אײַערע לידלעך פֿאַר זיך אַליין. מען דאַרף זיי אויפֿשרײַבן און טאַקע אָפּדרוקן. און זאָל דאָס פֿאָלק זיי זינגען בכל תּפֿוצות ישׂראל. איך בין אײַער מבטיח, אַז ס'וועט נישט אַוועק קיין סך צײַט און די לידער וועלן ווערן טאַקע אמתע פֿאָלקסלידער.

וואַרשאַווסקי איז רויט געוואָרן: – איך וועל אויסזאָגן אַ סוד – האָט ער געענטפֿערט פֿאַרשעמט – די לידער האָב איך ביז צום הײַנטיקן טאָג נאָך נישט אויפֿגעשריבן, פּשוט דערפֿאַר, ווײַל,

ווײַל... איך האָב כּמעט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, ווי אַזוי מען שרײַבט מיט ייִדישע אותיות...

שלום-עליכם האָט אים איבערגעריסן: – נאָר נישט געדאגהט. שלום-עליכם איז נישט פֿויל אויף דער פּען. איר וועט דיקטירן און ער וועט פֿאַרשרײַבן. דער דרוקער וועט דרוקן, און דער פֿאָלק וועט זינגען און הנאה האָבן.

אַלע האָבן צוגעגעבן רעכט שלום-עליכמען.

אַן עוולה, אַ בפֿירושע עוולה, מען זאָל נישט אָפּדרוקן אַזעלכע לידער. און אין איין וועגס האָט מען געבעטן וואַרשאַווסקין, אַז ער זאָל מכבד זײַן מיט נאָך עפּעס.

וואַרשאַווסקי האָט ווידער געזונגען. געזונגען זיס און האַרציק, און דערבײַ זיך אַליין באַגלייט אויפֿן פֿאָרטעפּיאַן. עס איז געקומען דאָס ליד פֿון דער „מוזינקע“, פֿון „שׂמחת-תּורה“ פֿון „תּנחום דעם טרובאַטש“ א. אַז. וו. א. וו. לידער האַרציקע און פּשוטע, פֿריילעכע און טרויעריקע. לידער, ווי פֿון פֿאָלקס מויל אַראָפּגעזונגען. און צום סוף האָבן זיך דערהערט די טענער:

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט מיט די קינדערלעך
דעם אַלף-בית...

דעם רעפֿריין האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט. קודם שטיל, און דערנאָך העכער און העכער:

זאָגט-זשע קינדעלעך, געדענקט-זשע טײַערע,
וואָס איך ווײַז אײַך דאָ...

שלום-עליכם איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געזען דאָס פֿײַערל, וואָס פֿלאַקערט אויפֿן פּריפּעטשיק. אָט דאָס פֿײַערל, וואָס טויזנט בייזע ווינטן, טויזנט אָנשיקענישן, האָבן אין פֿאַרשידענע צײַטן געפּרוווט פֿאַרלעשן און נישט געקאָנט. בײַם שײַן פֿון דעם פֿײַערל וועלן די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, לײַדנדיק, ווײַטער גלויבן און זינגען, ביז ... ביז ...

וואַרשאַווסקי האָט ווײַטער געזונגען. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו אים, צו יענעם ווינקל, ווו דער פּאָרטעפּיאַן איז געשטאַנען.

אָבער בלויז שלום-עליכם האָט געזען, ווי איבערן צימער האָבן אַ פֿלאַטער געטאָן די פֿליגל פֿון דער גאָלדענער פּאַווע, און איבער וואַרשאַווסקיס קאָפּ האָט זיך בולט אָפּגעצייכנט די געשטאַלט פֿונעם שניי-ווײַסן ציגעלע, דעם עמבלעם פֿונעם פֿאָלקסליד.

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved